№ 244 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

# לאדזשער טאגעבלאט

צוואנציגסטער יאהרגאנג | 26 października 1927 r. | מיטוואה, ל' תשרי תרפ"ח | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47

# מארגן ענדע פון שווארצבארד-פראצעס

## פארשטעהער פון ביידע צדדים האבען זיך געאייניגט איבערצורייסען דעם עדות פערהער. — היינט רעדעס פון די ציוויל-מאהנער. — מארגען האלט טארעס זיין רעדע.

# דאנערשטאג ביינאכט ווערט ארויסגעטראגען דער פסק-דין

פאריז, 25. אקט. (פאט) אויף דער היינטיגער זיצונג פון שווארצבארד-פראצעס איז צווישען דער פערטיידיגונג און דער בעשולדיגונג, ווי אויך די ציוויל-מאהנער געקומען צו א הסכם אבצושטעלען דעם ווייטערדיגען פערהער פון די עדות:

דער אורטייל ווערט ערווארט מארגען.

---

פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט בעקומען מיר נאך וועגען דעם פאלגענדע דעפעשע:

פאריז, 25. אקט. (טעלעגראפיש צום „לאדזער טאגע-בלאט") איז אנהויב פון דער היינטיגער זיצונג האט זיך אדוו. טארעס געווענדעט מיט א פארשלאג צו די אדוואקאטען פון צוויימען צד איבערצורייסען מיט'ן פערהער פון די עדות.

נאך א קורצער בעראטונג האבען די אדוואקאטען פון דער בעשולדיגונג מסכים געווען צו טארעס'עס פארשלאג.

מארגען וועלען רעדען די פערטרעטער פון דער בעשולדיגונג און דער ציוויל-מאהנונג.

דאנערשטאג וועט טארעס האלטען זיין פערטיידיגונגס-רעדע. דער אורטייל ווערט ערווארט דאנערשטאג ביינאכט.

## קאנפערענץ פון פילסודסקי'ן מיט'ן פרעזידענט.

ווארשא, 25. אקטאבער (פאט) היינט האלב 2 נאכמיטאג איז דער מארשאל פילסודסקי אנגעקומען אין שלאס און אבגעהאלטען א לענגערע קאנפערענץ מיט'ן פרעזידענט. 6 אזייגער איז דער מארשאל פילסודסקי געקומען אין בנין פון אויסערן-מיניסטעריום און אבגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן שטעל-פערטרעטער פון אויסערן-מיניסטער קנאל.

# 31. אקט. ווערט געעפענט דער סיים.

ווארשא, 25. אקטאבער (פאט) היינט 11 אזייגער האט דער שעף פון דער סיים-קאנצעלאריע דערהאלטען א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט וועגען עפענען דעם סיים אויף א געהעריגער סעסיע. די ערעפנונג ווערט מארקירט דעם 31. אקטא-בער. גלייכצייטיג איז אויך צוגעשיקט געווארען א דעקרעט וועגען עפענען דעם סענאט אין דעם זעלבען טערמין.

## גרויסע קאטאסטראפע אין דער קאלישער עלעקטראווניע.

קאליש, 25 אקטאבער (פאט) נעכטען 8 אזייגער האט אין דער היגער עלעקטראווניע געפלאצט א דרייפ-ראד פון א נייעם דיזעל-מאטאר. דאס ראד האט געוואויגען 18 טויזענד קילאגראם. די שטיקער פון ראד, וואס זענען ארויסגעשלייד-דערט געווארען מיט א שטארקער עקסצענטרישער קראפט, האבען דורכגעלעכערט דעם טאפ פון דער מאשינען-אבטיילונג און דעם דאך פון דער עלעקטראווניע און פון דארט זענען זיי ארויסגעפארען איינגראבענדיג זיך טיף אין דער ערד. א טייל פון'ם ראד איז ארויסגעשליידערט געווארען אויף א מרחק פון 360 מעטער און צושטערט א חלק פון א הויז. א צווייט טייל פון ראד האט צושטערט דאס הויז, וואו עס געפינט זיך די אדמיניסטראציע פון דער עלעקטראווניע. קיין קרבנות מיט מענשען איז נישט געווען.

## א בלימעל-טאג פון גמילות-חסדים (גריגער מארק 7)

די „גמילת חסדים" קאסע אויפ'ן גרי-נעם, וואס שטיצט מיט אהן פראצענטיגע הלואות די גויט - בעדערפטיגע בעלי-מלאכות און קליינהענדלער פון גרינעם-מארק ארדענט איין דעם 31. אקטאבער א בלימעל-טאג מיט'ן צוועק צו פער-שטארקען איהרע פאנדען.

עס איז צו האפען, אז די יודישע בעפעלקערונג וועט וואַרים אונטערשטי-צען די בעמיהונגען פון דער פערוואל-טונג פון דער „גמילת-חסדים"-קאסע.

---

## געכאפט די באנדיטען, וואס האבען ערמארדעט א לאדזער סוחר.

(:) אין נעכטיגען נומער האבען מיר געבראכט די ידיעה וועגען א לאדזער הענדלער, וואס איז ערמארדעט געווארען אונטער קאטאוויץ. נעכטען האט די אוי-בערשלעזישע פאליציי ארעסטירט א גע-וויסען טשאסקאליק, וואס האט זיך מודה געווען אין רויב-מארד צוזאמען מיט זיי-נע צוויי חברים, וואס ווערען אויך גע-זוכט דורך דער פאליציי.

---

## דער „ארט" — גילדען.

כדי ארייננציהען אין „ארט" די ברייטע שיכטען פון דער יודישער בע-פעלקערונג האט דער צענטראל-קאמיטעט „ארט" ארויסגעגעבען א ספעציעלען שיין וואס טראגט דעם נאמען „ארט"-גילדען און ווערט פערשפרייט אין גאנץ פוילען. דער „ארט"-גילדען שטעלט מיט זיך פאר א קינסטלערישע אילוסטראציע פון יודי-שע האנדווערקער, אינדוסטריעלער און לאנטווירטשאפטליכער ארבייט.

## 235 פאלען פון אנשטעקענדע קראנקהייטען אין איין וואך.

(מ) פון 16. ביז'ן 22. אקטאבער ד. י. זענען אין סאניטאר-אמט פערצייכענט געווארען פאלגענדע פאלען פון אנ-שטעקענדע קראנקהייטען: בויך-טיפוס 34 שארלאך 44, דיפטעריט 82, קאקלוש 18 טראכאמא 60. סך-הכל 235 פאלען.

---

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 79 יאהר אונזער ל. פאטער, שווינגער-פאטער, גרויס-פאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

# נ"ע מרדכי ב"ר יעקב הלוי ז"ל ווארשאווסקי

ג. לאדזער סוחר און גבאי אין אלטשטעטישער שוהל.

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, ד. 26. אקטאבער 1 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז נאוואמיעסקא 2 וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

---

נאך קורצע און שווערע ליידען איז ד. 24 ד. י. געשטארבען אין בליהענדער עלטער פון 28 יאהר

## נ. ע.

# רוזשא (רחל לאה) ווייאלאנד

## (פון דער היים ברוין)

די לויה קומט פאר היינט מיטוואך ד. 26 אקטאבער 1927 אין ווארשא 12 א זייגער מיטאג פון טרויער-הויז, טווארדא 28.

וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער די אין טיפען טרויער פערבליבענע:

מאן, עלטערן, שוועסטער, ברידער, שוועגערינס, שוואגערס און פאמיליע.

# ארום דעם היסטארישען שווארצבארד-פראצעס.

א בריף פון שלום שווארצבארד, וואו ער שרייבט וועגן זיינע נשמה-פייניגונגען און די מורא'דיגע פאגראם-בילדער, וואס פערפאלגען איהם. — איינדרוקען פון געריכט-זאל. — די נייע פאזע איז די געריכטס-פערהאנדלונגען.

## דער שווארצבארד-פראצעס ווערט פערוואנדעלט אין א פאגראם-פראצעס.

## א בריף פון שווארצבארד

### געשריבען ערב דעם פראצעס.

שלום שווארצבארד'ס פריינד ד"ר י. מ. זאלקינד פון לאנדאן האט ערהאלטען פון שלום שווארצבארד'ן דעם פאלגענדען בריף, וואס איז געשריבען געווארען ערב דעם פראצעס אין תפיסה „סאנטע" און טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון דער תפיסה-צענזור. מיר גיבען דא איבער איניגע אויסצוגען פון דעם בריף:

...איך קען זאגען ווי איוב: „זאל איך רעדען, וועט מיין שמערץ נישט ווערען לייכטער, און אז איך זאל שווייגען, וועט עס אוועקגעהן?"

פארוואס ווער איך טאג און נאכט פערפאלגט פון מורא'דיגע בילדער פון יענע שוידערליכע סצענעס, וואס מיינע אויגען האבען אמאל געזעהן? איך טו זיך אן דעם גרעסטען כח אויסצומעקען זיי פון מיין זכרון, פערגעסען זיי, „זיך נישט מאכען וויסענדיג" וועגען זיי, אבער אומזיסט איז מיין מיה, די בילדער זענען טיף איינגעקריצט אין מיין מוח, און וויפיל איך זאל זיך נישט אנשטרענגען, ווערען זיי אבער פיל שטארקער. ווי מיין שטארקער ווילען און ווילען בשום אופן נישט פערשווינדען; זיי פייניגען און מאטערן מיין געוויסען, מיין נשמה, מיין גאנצען איך. און טאמער איז דער טאג צו ווייניג פאר זיי, לאזען זיי מיר קיין רוה נישט אפילו ביינאכט; און טרעפט זיך אמאל, אז איך פערמאך מיינע אויגען, א מידער, אן'אויסגעמוטשעטער, און שלאף איין א ביסעל, רייסען זיי מיך אויף פון שלאף, און אין מיטען נאכט שפרינג איך אויף פון מיין געלעגער, אויסגעבארען אין טויט-אנגסטען און מיט א ווילדען געשריי ווי פון א חיה, וואס ווערט פערפאלגט פון הינד און יעגערס און קיין אויסוועג איז פאר איהר נישטא...

און ווען איך מינטער זיך אויף פון דעם שרעק, וואס נעמט מיך ארום ווי מיט אן'אייזערנעם רייף, עפענען זיך אויף די קוואלען פון מיינע אויגען און איך וויין שטונדען-לאנג, וויין ווי א קינד אויף דעם גרויסען אומגליק, וואס איז געקומען אויף מיין ארימען פאלק אין דעם עמק-הבכא פון בלוט און יסורים און טרעהרען.

ווי אפט ווילט זיך מיר אויסרופען מיט די ווערטער פון אונזער תהלים: גאט, וויפיל זענען מיינע שונאים, ווי שלעכט זענען די, וואס שטעלען זיך אנטקעגען מיר! ווי לאנג וועלען אונזערע שונאים אויפהויבען א קאפ געגען אינז! ווי לאנג וועלען אונזערע צרות אנהאלטען?

מיר דוכט זיך תמיד, אז איך וואנדער דורך א מורא'דיגען מדבר, וואו אויף טריט און טריט לויערן אויף מיר ווילדע בעסטיעס, וואס ווארטען אויף מיר צו פערצוקען מיך לעבעדיקערהייט; האב איך דען נישט געוואנדערט אין דעם מורא'דיגען מדבר. וואס הייסט אוקראינע? איז דער דאזיגער מדבר דען נישט געווען אנגעפילט מיט די ווילדסטע בעסטיעס, און איז ניט מיין אומגליקליך פאלק, שטילע רוהיגע מענשען, וואס האבען זיך רוהיג געלעבט אין זייערע שטעט און שטעטלעך, נישט געווען די אומשולדיגע קאפ. אין וועמענס בלוט די דאזיגע חיות האבען זיך געבאדען? קען די געשיכטע און דער „ציוויליזירטער" מענשהייט אנווייזען אויף א חורבן, וואס זאל זיין אזוי מורא'דיג און בעסטיאליש, ווי דער חורבן פון דעם אוקראינער יודענטום?

מיין לעבען איז געווען דער טעאטער פון אלע אומגליקען, מאנכמאל געשפילט די ראלע פון אן'אקטיאר — אבער תמיד אן'צרות און א צושויער!

# דער האריזאנט ברייטערט זיך אויס.

### איינדרוקען פון געריכט-זאל — פון ג. פ ר א נ ק.

#### די נייע פאזע.

דער פראצעס געהט אריין און זיין אמת'ען תהאריזאנט. ער פלייצט ארויסער די ראהמען פון פערזאנען און ברייטערט זיך אויס פון צו די לתישעם פון א פאגראם-פראצעס.

אייגענטליך איז דער שווארצבארד-פראצעס געענדיגט און עס הויבט זיך אן דער פראצעס פון די פאגראמען.

קאמפיינגי וויל חיגט און דער פריה דעם פראצעס צוריקפירען צו דער פערזענליכער זייט. וועט אוהם אבער גע לונגען?

...

שווארצבארד האט געמאכט און ער אוך מודה. איין פרק איז געענדיגט. דער פראצעס האט אבער א סך פרקים, פאגראם-פרקים. זיי זענען די אמת'ע מאמענטען, די אמת'ע פערדים פון פראצעס, וועגען זיי געהט איצט.

דער זאל, וועלכער איז פון אהער געווען שטיל און כמעט פאסיוו, ווערט מיט אמאל אריינגעצויגען און דער דראמע און לעבט איבער די אלע עפיזאדען, וועלכע ווערען געשילדערט. אפילו די אדוואקאטען, וועלכע קומען אהער אריין און לאזען זיך נישט אפנארען פון דער אדוואקאטישער שעהן-רעדעריי, אפילו זיי ווערען ווארימער, הומאנער און נעמען אנ'ערנסטען אנטייל אין דער היסטארישער מלחמות, וועלכע קומט איצט פאר און פאריז.

רייסט זיך ארוים פון דער שווארצער ראבע די מעטאלאפילין שטים פון האנרי טארעס, פילט זי אז דעם גאנצען זאל און דרינגט אריין, ווי א קול שופר און אלע הערצער. די שאטענס פון פראם קוראוו, פון זשיטאמיר שטעהען אויף פון זייערע קברים און דער גאנצער זאל ווערט עלעקטריזירט.

#### טארעס—דער ביאליק פון פראצעס.

ניין! רופט איהם נישט אדוואקאט, רופט איהם נישט געוועלטיגער-מצוה...

## וויכטיגע מאמענטען פון פראצעס.

(לויט'ן „פאריזער היינט").

דאס איז דער בעסטער צווישען זיי. דער געבילדעטער, קלוגער פראפעסאר אלעקסאנדער שולגין. איינער פון יענע ווייניגע אוקראינער, וועלכע ווייסען גוט די פאלגען פון א פערמאנענט-פאגראם פאר דער צוקונפט פון דער אוקראינישער נאציאנאלער בעוועגונג.

האט דער בעסטער פון זיי אנגעהויבען זיין עדות זאגען מיט דער קאטעגארישער ערקלערונג:

— שווארצבארד איז אן'אגענט פון דער משעקא.

שווארצבארד האט געהאנדעלט לויט אן'ארדער פון דער משעקא.

איז ער, פראפ. שולגין, א געוואוסטער זינוביעוו לוגנער, ד. ה. א שווינדלער-עדות אדער אזא פלאמענדער פאנאטיקער.

א טרעהר פערגאסען אויף דער „ארויסער יודישער בעפעלקערונג", ברייט און לאנג געקלערט וועגען דער אנארכיע פון דער אוקראינישער ארמעע, אבער קיין איינציג מאל זיך נים אומגעקערט צו דעם פונקט וועגען שווארצבארד'ס מאט, קיין איינציג ווארט נישט געזאגט פון וואנען האט ער עס גענומען, אז שווארצבארד איז „אן'אגענט פון דער משעקא", קיין איינציגען באווייז נישט געבראכט פאר זיין מערדערישער ערקלערונג.

דער בעסטער צווישען זיי. וויפיל מאל ...

# דער אמת וועגען שווארצבארד'ס „גנבה".

די מאמלאזיגקייט פון דער עסטרייכישער יוסטיץ-מאכט. — שווערע בעשולדיגונגען פון דער איצטיגער פרעסע. — וואס דערצעהלט דער אייגענטימער פון שענק „פאסעקער" איבער דעם כלומר'שטען „איינברוך" פון שווארצבארד'ן?

(א בריף פון וויען) — פון ד"ר י. וויענגיערסקי.

פאריז, 29 אקטאבער.

קופאן № 89
אויף אומזיסטע
יורידישע עצות.
דער געוויסער פונ'ם דאזיגען קופאן קען בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ'ן יורי-קאנסול פון אונזער רעדאקציע.
גילטיג היינט, מיטוואך, ד. 26. אקטאבער פון 8—9 אוו.

